„RADOMER-KIELCER LEBEN" № 27 (115) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פרייז 25 גראָשען דרישער יאָהרגאַנג

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטען.

ראדאָם פרייטאג כ׳ תמוז תרפ״ו | פאר׳ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאָנסען איז די רעדאקציע נישט פעראַנטוואָרטליך | 2-go lipca 1926

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע שוועסטער, שוועגערין און מומע
**סאַלע ווייספוס** מיט ה׳ **צבי צוקער**
ווינשען מיר, אז זייער נייער לעבענ׳ס-וועג זאָל בעגלייט ווערען פון ליבע, גליק און צופרידענהייט.

**לייביש ווייספוס** עט **פאמיליע.**

Z intencji zaręczyn ciotki i koleżanki siostry p. **Sali Wajsfusownej** z p. **Henrykiem Cukrem** życzymy, aby gwiazda szczęścia sprzyjała im wiecznie.

**Marja Wajsfusówna,**
**Hela Werberòwna.**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער, שוועסטער און שוועגערין **אסתר׳ל** מיט ה׳ **יונה הירשענהאָרן**, וואונשען מיר א הערצליכען מזל טוב זאָל זייער מזל לויכטען ווי די הערליכע זוהן אין די פרעכטיגע פריהלינגס טעג.

**עלטערן, ברידער און שוועגערין נארימבערסקי**

**EDZIA NORYMBERSKA** Radom
**JULJAN HIRSZENHORN** Ćmielów

## ZARĘCZENI

27 czerwca 1926.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברידער׳ן-זוהן און קוזין **יונה הערשענהאָרן** מיט פרל. **אסתר נארימבערסקא** ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב. זייער זיווג-בונד זאָל געשלאָסען זיין אין א מאָמענט פון גליק און צופרידענהייט.

**מענדיל הערשענהאָרן, פרוי, טאכטער און איייניקעל.**

---

צו דער פערלאָבונג פון פרײלין **אסתר נארימבערסקא** מיט ה׳ **הירשענהאָרן** ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב עחיג גליק און צופרידענהייט זייער לעבענ׳ס-וועג זאָל מיט בלומען בעצירט זיין.

**פאמיליע לעוין.**

Z intencji zaręczyn mojej kochanej przyjaciółki p. **Sali Wajsfusówny** z p. **Henrykiem Cukrem** życzę by jutrzenka szczęścia sprzyjała im wiecznie.

**Edzia Wajsbortówna.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער **סאַלע ווייספוס** מיט ה׳ **הערשיל צוקער**, ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב עחיג גליק און צופרידענהייט זייער לעבענ׳ס-וועג זאָל מיט בלומען בעצירט זיין.

**מוטער, שוועסטער׳ן און ברודער׳ן ווייספוס.**

בברכת מז״ט אנו מברכים את רענו הנכבד מר **חיים מאניעשעוויטש** ורעיתו לנשואת בתם הכלה מרת **חי׳ ביילה** תחי׳ עם ב״ג החתן כמר **אלימלך יוסף ווייסמאן** נ״י

ה מ ב ר כ י ם

**אשר גוטמאן, משה זייאנץ** ובני ביתם

---

א הערצליכען מזל-טוב צו די תנאים פון אונזער זון, ברודער און שוואָגער **מאיר ראָזענקראַנץ** מיט פר״ל **רעגינא בערגמאן**. זאָל גליק און צופרידענהייט זייער לעבענס-וועג זיין די אייביגע בעגלייטער.

**מוטער ברודערס און שוועגערנס ראָזענקראַנץ**

**REGINA BERGMANÓWNA**
**MAURYCY ROZENKRANC**

## ZARĘCZENI

Radom w Czerwcu 1926 r.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאכטער פר״ל **רעגינא** מיט ה׳ **מאיר ראזענקראַנץ** וואונשען מיר א הערצליכען מזל טוב און א גליקליכען צוזאמענבונד.

ע ל ט ע ר ע ן:
**שמואל און פייגע בערגמאן.**

---

איך גראַטולירע דער פאמיליע **ווייספוס** צו דער פערלאָבונג פון פר״ל **סאלע ווייספוס** מיט ה׳ **הירשעל צוקער** זאָל זייער נייער לעבענס-וועג מיט בלומען בעצירט זיין.

**יצחק צייגפינגער.**

מ ע ס ן (פראנקרייך).

Z intencji zaręczyn naszej kochanej siostry p. **Reginy Bergmanówny** z p. **Maurycym Rozenkrancem** życzymy by droga ich życia promieniała miłością i szczęściem

**Cela, Izaak i Jakób.**
**Leenia, Hela, Ela.**

Z okazji zaręczyn siostry i bratowej p. **Reginy Bergmanówny** z p. **Maurycym Rozenkrancem** życzymy różowej pryszłości.

Jakóbowstwo **Wajngort z synkiem.**

**Z intencji zaręczyn naszej koleżanki Reginy Bergmanówny z p. M. Rozenkrancem winszują im wiele szczęścia.**

**Rubinsztejnowie,**
**Szwarcbergowie.**

---

אלע פריינד און נעזעלס. אינסטיטוציעס, וועלכע האָבען אונז פערזענליך אָדער שריפטליך אויסגעדריקט זייער מיטגעפיהל אין אונזער טיפען טרויער צוליב׳ן טוידט פון אונזער אונפערגעסליכער מוטער

# שפרינצה פרענקעל ז״ל

בעזונדערס דעם ראבינאט, די יודישע קהלה, דער ציונ. אָרגאניזאציע, דעם סוחרים-פעראיין, דעם האנדווערקער-פעראיין, די יודישע בענק: פאר האנדעל און קרעדיט, סוחרים באַנק, האנדווערקער באָנק, דער רעדאקציע פון „ראדאָמער קעלצער לעבען", די תלמוד-תורה, דעם בית יתומים, דער דירעקציע און פערסאָנאַל פון יודישע גימנאזיום „פשיאטשול-וויערזי", דער ציונ. גרופע „השחר", „השומר", דעם צ״ק פון די ציונ. אָרג. אין פוילען, דעם דירעקטאָריום פון קרן-היסוד אין פוילען, און ספעציעל אונזער פריינד **פראָפ. מושקאַטבליט** פאר זיין ווארימען הספד ביים אָפענעם קבר, דריקען מיר אויס אונזער הערצליכסטען דאנק און אנערקענונג!

**בעל הגמול ישלם לכם גמולכם הטוב!**

# די טרויערנדע פאמיליע

ראדאָם ח׳ תמוז תרפ״ו

---

# OGŁOSZENIE.

**ELEKTROWNIA RADOMSKA w lipcu i sierpniu** r. b. będzie przeprowadzać doroczną naprawę sieci elektrycznej. Wobec tego w powyższych miesiącach **w niedzielę i święta dopływ prądu** do miasta **będzie przerywany** od godziny 4 rano do 4 po południu.

**Zarząd Elektrowni.**

---

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל די פאמיליעס:
**פרענקעל׳ס, שפייזמאן, דיאמאַנד און גינזבורג**
צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסענע מוטער

# ש פ ר י נ צ ה נ״ע

**גיטעל אַסטריאַן און פאמיליע**

ביוראָ פאר פּאַדאַניעס און אַלערליי ביטעס אין ראַדאָם

„אינדעקס“ „INDEX“

רינעק 14 אָדער וואָעל 20 איז הויף

ערלעדיגט רעקורסען וועגען אַלערליי שטייערען, וועקסעל-חובות, וואָהנונג׳ס-אנגעלעגענהייטען, אַדראַטשעניעס, קאָנטראַקטען, איבערזעצונגען, ווי אויך איבערזעצונגען אויף שרייב-מאַשינען, ערלעדיגט גיצליך און געוויסענהאפט.

מיט אכטונג: י. מיעגדזיגורסקי עט ספּולקא.

## פון יודישען ספּאָרט-לעבען אין ראַדאָם.

(ש) אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג פון היגען ספּאָרט-פעראיין „בר-כוכבא“ איז אויסגעוועהלט געוואָרען א נייע פערוואלטונג, אין וועלכע עס געהען איין די ה״ה: דוד פרענקעל, העגריק אַנשער, שלמה כוואָס, אברהם מעלכיאָר, יעקב לאַנדאָו, זילבערשטיין.

די נייע פערוואלטונג איז באלד צוגעטרעטען צו א ענערגישער רעאָרגאניזירונג פון דער גאנצער טעטינקייט פון פעראיין, כדי אָוועקצושטעלען איהם אויף א געהעריגע הויך.

* * *

לעצטענס איז צו בעמערקען א לעבהאפטע טענדענץ ביי דער פוטבאָל-מאַנשאַפט „בר—כוכבא“, וועלכע בעמיהט זיך זעהר שטאַרק אויפצוהויבען צו דער מדרגה פון קלאַס „ב“. דאָס קאָן בעווייזען דער פאַקט, וואָס אויף די 6 געשפּילטע מייסטערשאַפטס-מעטשען האט זי 5 געזיגט און פון איינעם אָרויס רעמי.

אזוי נאך איז „בר-כוכבא“ געלונגען צו בעקומען מייסטערשאפט פון קלאַס „צ“ אין דער ערשטער גרופּע. אריינצוטרעטען אין קלאַס „ב“ ברויך „בר-כוכבא“ נאך שפּילען א מעטש מיט דער מייסטערשאפט׳ס-מאנשאפט פון קלאַס „צ“ פון ווארשאָ.

### ר. ק. ס, 2 — מכבי 2:3 (0:3)

פאריגען דינסטאג האבען די אויבענדערמאָנטע מאנשאפטען געשפּילט א מעטש וועגען מייסטערשאפט פון קלאַס „צ“. געזיגט האט ר. ק. ס. 2 מיט 3 געגען 2.

* * *

אין דער מייסטערשאפט׳ס טאבעלע פון קלאַס „צ“, האט אזוי ארום „בר-כוכבא“ בעקומען 11 פונקטען, „מכבי“ 4 פונקטען, „השחר“ 2 פונקטען און „חשמונאי“ 1 פונקט.

## היט די קינדער!

א געוויסע היגע פאמיליע איז פאַריגע וואך ארויסגעפאָהרען אויף דאטשע קיין גאָרבאַטקע. זייענדיג דארט איינע טעג איז די זעלבע פאמיליע געגאנגען מיט איהר קינד, אַ יונגעלע שפּאַצירען אין דאָרטיגען וואלד. נאכ׳ן אומקעהרען זיך פון שפּאציר האט דאס קינד זיך אַנגעהויבען צופיהלען זעהר שלעכט אָזוי, אז עס איז אויף צומאָרגענס געשטאָרבען.

ווי מענשען זאָגען, זאל די סבה פונ׳ם קינד׳ס פלוצלינגדיגען טוידט זיין דאס, וואס בשעת דעם שפּאציר אין וואלד האט דאס קינד געזאָלט, אונטער די עלטערענס וויסען, אראבשלינגען ווילדע שוואמע, אדער אנדערע ווילדע גרעזער, וועלכע האבען עס געזאָלט פער׳סמ׳ען.

עלטערען דארפען יעדענפאלס אויפאַכט האבען איבער זייערע קינדער. בעזונדערס ווען מען געפינט זיך מיט זיי אין אונבעקאנטע געגענדען.

## רעגיסטראציע פון אידישע אינוואַלידען.

אלע אידישע אינוואַלידען, אלמנות און מלחמה-יתומים, וועלכע וואוינען אין ראדאם, דארפען זיך רעגיסטרירען אין דער קאנצעלאריע פון דער קהלה. —

די רעגיסטראציע וועט דויערען ביז׳ן 10 ל. ח. –

## כ׳ תמוז - פייערונגען.

פרייטאג, כ׳ תמוז דעם 2/7 אום 10 א זייגער פריה, צום 22-טען יאָהרצייט׳ס-טאג נאכ׳ן פיהרער און שעפער פון ציוניזם ד״ר בנימין זאב הערצל ז״ל. וועט אין דער גרויסער שטאדטישער שוהל פארקומען א פייערליכע הזכרה מיט דער בעטייליגונג פון אלע ארטיגע ציונ. אָרגאניזאציעס, יוגענד-פעראייגען, שולען און חדרים. די יודישע געזעלשאפט ווערט געבעטען צו קומען מאסענווייז.

* * *

זונטאג, כ״ב תמוז 6 א זייגער אָוונד וועט אין לאקאל פון יודישען האנדווערקער-קלוב (וואלאווא 59) לכבוד דעם אנדענקען פון שעפער און בעגרינדער פון ציוניזם—ד״ר בנימין זאב הערצל ז״ל פארקומען אַ טרויער אקאדעמיע. אין דער אקאַדעמיע וועלען אנטייל נעמען, פארשטעהער פון אלע אָרטיגע ציונ. ארגאניזאציעס, וועלכע וועלען ארויסטרעטען מיט רעפעראטען, אָרקעסטער און 2 כאָרען. אלע סימפאטיקער און פערעהרער פון אונפערגעסליכען מנהיג ד״ר הערצל ז״ל ווערען געבעטען צו קומען. –

איינגאנג אויף דער אָקאַדעמיע 30 גראשען.

## הנחות פאָר סוחרים ביים שרייבען רעקורסען און ביטעס.

די ביטע-ביורא „אינדעקס“ רינעק 14. וועלכע ע-לעדיגט אַלערליי ביטעס אין אלע רעגירונג׳ס-אַמטען, ערטיילט געוויסע הנחות ביים שרייבען רעקורסען און פערשידענע פאדאניעס פאר סוחרים. די ביורא געפינט זיך אונטער די לייטונג פון ה׳ מיענדזיגורסקי.

## זעלבסטמאָרד

עהרנעכטען, מיטוואָך, האָט א היגער געוויסער יונגערמאַן ל. גדינצוויג (קאָזשעניצער גאַס) מיט׳ן צוועק צו בעגעהן זעלבסטמאָרד איינגעטרינקען אַ גרעסערע דאָזע עסיג-עסענץ. דער דאָזיגער פערצווייפעלטער שריט איז בעצייטענס בעמערקט געוואָרען דורך זייטיגע מענשען, וועלכע האָבען דעם זעלבסטמערדער תיכף אריבערגעפיהרט אין קראַנקען-קאסע, וואו ד״ר קעלערסקראַאוז האָט איהם ערטיילט די ערשטע מעדיצינישע הילף. פון דער קראנקען-קאַסע האָט מען איהם אין אַ זעהר ערנסטע לאַגע איבערגעפיהרט אָהיים צו זיינע עלטערען אויף רינעק 7.

די סבה פון זעלבסטמאָרד זאל זיין ווי מען זאָגט, צוליב א כלה.

## האַנד-אַרבייט-אויסשטעלונג אין גימנאזיום „פשיאַטשול וויעדזי“.

אין פרויען גימנאזיום „פשיאַטשול וויעדזי“ מאריאצקע 4, קומט שוין די צווייטע וואָך פאר א אויסשטעלונג פון פערשידענע האנד-ארבייטען, אויסגעפיהרט פון די שילער און שילערינס. אויף דער אויסשטעלונג געפינען זיך אַיך הערליכע שניצלעריי אויסאַרבייטונגען, וועלכע בעווייזען אויף בעזונדערע פעהינקייטען מצד די שילער, אויף דעם דאזיגען געביעט. דער ספּעציעלער טהייל האנד-ארבייט ווערט אָנגעפיהרט פון פראָפ. זיגנער, וועלכער רעכענט זיך אלס גרויסער מושלם אין אַזעלכע זאכען, ווי האנד-מייסטערשאפט. ס׳איז זעהר וואונשענסווערטה די יודישע בעפעלקערונג זאָל אין וואס א גרעסערער צאָהל בעזוכען די אינטערעסאנטע אויסשטעלונג פון די דערמאָנטע יודישע שילער און שילערינס, וועלכע צייכענען זיך אויס, א חוץ די שול-למודים, אויך מיט פראדוקטיווער פראקטישער און טיילווייז קינסטלערישאפענדער ארבייט.

## אויסבעסערונגען

אין נאָטיץ פון פאָריגען נומער, וועגען די מאטורעס אין די פוילישע שולען, איז אריינגעפאלען אַ טעות, אַנשטאט קאָלאָיונא דאַרף זיין קאָצוּונא.

* * *

אין דעמזעלבען נומער אין אַרטיקעל „ווער ווסמען געגארט אָב“ איז דורך אַ פערדריסליכען פערזעהן אריינגעפאַלען אַ טעות, נעמליך, אַנשטאָט: „ותביא הארץ אותם – דאַרף שטעהן – „ותקיא הארץ אותם“.

* * *

אין היינטיגען נומער אין ארטיקעל „דאָקטוירים-שטרייק אין דער קראנקען-קאָסע“ אויפ׳ן דריטען עמוד ערשטע קאָלומנע, 22-טע שורה, דאַרף זיין אנשטאט „אומגעהר“ — „אומקעהר“.

# קעלצער אבטיילונג.

## גענוג שוין צו בלייבען פאסיוו!

נאך א שטורמישער אינטענסיווער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט זענען מיר ווידער אריינגעפאלען אין א סטאדיום פון פאסיוויטעט און אפאטיע. מען זעהט מעהר נישט די פעראינטערעסירונג מיט יעדער מין געזעלשאפטליכער, קולטורעלער און פאליטישער ארבייט. מען הערט נישט וועגען א דראנג צו נאציאנאלער, פאליטישער בעוועגונג, נאר אומעטום איז אזא מיעדקייט און אפגעשטאנענקייט, אזא גרויקייט און גלייכגילטיגקייט אויף אלע געביעטען.

עס איז א ערשיינונג, אויף וועלכע עס ווערט איבעראל אנגעוויזען אלס פועל יוצא פון דעם צו גרויסען סכום איבערלעבונגען, וואס מיר האבען דורכגעמאכט פאר די לעצטע 8 יאהר און צוליב דעם צו גרויסען אימפולסיווען און אנגעשטרענגטען געזעלשאפטליכען לעבען, וואס מיר האבען בעוויזען צו דורכפיהרען פאר דער לעצטער צייט. און עס איז גאנץ פערשטענדליך, ווייל צוזאמען מיט די וועלט-געשעהענישען, וואס האבען כסדר געיאגט איינע די צווייטע מיט א ווילדען אימפעט האבען מיט געוואלט אונז אלעמען געשלעפט אין קאן אריין, ווייל די דאזיגע גראנדיעזע וועלט-געשעהענישען זענען געווען פון אזא ארט און אזא מאסשטאב, אז דירעקט, צי אומדירעקט, האבען זיי אנגעריהרט די זיילען, די עמודי־התוך פון גאנצען לעבען און וועזען, סיי פון פרט, סיי פון כלל.

דאס פוילישע יודענטום, האט דערפיהלט די וויכטיגקייט פון די וועלט-געשעהענישען און האט געמוזט אננעמען א שטעלונג צו די נייע בעדינגונגען. עס האט נישט געקענט בלייבען בלויז א צושויער, נאר נעמען א אקטיווען אנטייל און במילא איז יעדער איינציגער פון אונז, אפילו דער יוד פון א גאנץ יאהר, וואס איז בכלל ווייט געווען פון געזעלשאפטליכקייט און פאליטיק, איז וועלענדיג, נישט וועלענדיג אריינגעצויגען געווארען אין אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען און פאליטישען שטראם און איז געצוואונגען געווארען זיך אבגעבען מיט געזעלשאפטליכע און פאליטישע פראגען.

אבער ווען עס האבען זיך געענדיגט די אויסערליכע פאקטארען, וועלכע האבען אונז געצווינגען צו א אינשענסיווען געזעלשאפטליכען לעבען, איז אויף דער יודישער גאס ווידער א דערשלאגענקייט, א שטילקייט, און א אויסערגעווענליכע גלייכגילטיגקייט צו אלע אונזערע נאציאנאלע און פאליטישע אספיראציעס, וועלכע טארען אויף קיין איין מינוט נישט פערשוויגען ווערען.

מיט בעדויערונג מוז מען קאנסטאטירען אז פאר דער לעצטער צייט איז ביי אונז אין קעלץ זעהר פיל פערנאכלעסיגט געווארען דאס, וואס האט א שייכות צו נאציאנאלער און קולטורעלע ארבייט. עס ווערט נארנישט געטוהן אין דער קהלה, ווייל די הויפט פראגע דער בודזשעט איז נאך נישט ערלעדיגט. עס שטעהען אב די מענשען, וועלכע האבען א ווילען און קענען שאפען, נאר זיי זענען איינזאם, זיי האבען נישט מיט וועמען צו ארבייטען, דער סך הכל פון זייער אנגעשטרענגטקייט בלייבט א נישטיגער. אויך אויפ'ן פראפעסיאנעלען און עקאנאמישען געביט איז נישט בעסער. נעמט א האנדווערקער פעראיין, וועלכער איז אין קעלץ גוט ארגאניזירט און צעהלט שוין צעהן יאהר עקזיסטענץ און קען נישט דורכפיהרען א אלגעמיינע פערזאמלונג צוליב דעם וואס עס קומען נישט די נויטיגע צאל מיטגלידער. ביי די נאציאנאלע און פארטיישע ארגאניזאציע איז נישט היימליך און די ארבייט ריהרט זיך נישט אויף א האר, ווייל עס פיהלט א קווארום צו יעדער זיצונג. מען מוז דאך זיך אבגעבען א דין וחשבון פאר דער פעראנטווארטליכער ארבייט, וואס מיר נעמען אויף זיך בנוגע אונזערע אויפגאבען און צי איז נישט גלייכער פריער אננעמען מיטלען איידער מיר דערנעהנטערען זיך צו דער צייט, ווען די יודישע געזעלשאפט וועט דארפען ביילייגען א עקזאמען פון פאליטישער רייפקייט? צי דארפען מיר זיך נישט ערנסט אפשטעלען, אז אונזער שוואכקייט, פאסיוויטעט זאל נישט אויסגענוצט ווערען פון די געגנער פון א מאדערן-נאציאנאלען יודענטום און ביז די נאהענטע וואהלען זאלען מיר נישט שטעהן בלייבען פאר א געשעהענעם פאקט. עס וואלט וויכטיג געווען אז אויף די שפאלטען פון אונזער איינציגען יודישען לאקאלען ארגאן זאלען זיך הערען דעם ארויסזאגען אונזערע נאציאנאלע עסקנים.

בן ציון.

יעדע ווירטין דארף וויסען,
אז די מאשטש צו פאדלאגעס.
„JAŚNIEJ SŁOŃCA"
גיט צו די פאדלאגעס, פאסאצקעס און לינאלעאום א שעהנעם און לאנגדויערהאפטיגען גלאנץ, אהן בענוצען זיך מיט בערשטען.
„Jaśniej Słońca"
פערטרעט אייל-פארב, פארבט ווייסע פאדלאגעס אין פערלויף פון א שעה אויף די פארבען:
מאכאניאווע און טינקעל ארזשעכאווע
פרובט און איהר וועט זיך איבערציי גען!
פערקויף אין אלע סקלאד-אפטעטשנעס, זייף און פארב געשעפטען.
Fabryka przetworów techno-chemicznych
„MARY" Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419 69

## פארזיכטיג קעלצער פריילײנס!

(קלײנער פעליעטאן)

אנ'אויפלעבונג איז לעצטענס אריינגעטרעטען אין די געדיכטע רייהען פון קעלצער מין-היפה. עס האט זיך אויפן קעלצער האריזאנט בעוויזען אנ'אמעריקאנער יונגערמאן, וועלכער האט בעשלאסען אויסצוקלויבען זיין לעבענס-בעגלייטערין דוקא אין אונזער שטאדט.

דאס קעלצער ביסעל שדכנים האבען איהם גענומען אין דער ארבייט, גאר ער האט נישט געוואלט פון גאר הערן; ער האט זיך זיין סיסטעם. יעדען פארנאכט לאזט זיך אונזער אמעריקאנער גאסט אויף א שפאציר אין דער בעגלייטונג פון די שדכנים און וויבאלד ער בעמערקט א שעהנעם עקזעמפלאר פון פרויען-געשלעכט, ווייזט ער אן מיט דעם פינגער „אט די געפעלט מיר". די שדכנים צולויפען זיך באלד אין אלע זייטען נאך אינפארמאציעס, צי איז די אויסדערוועהלטע אמאל שוין נישט א כלה, אדער אפשר גאר א... ווייבעל... קורץ און שארף די רשימה פון די געפעלענע אויפן ערשטען בליק האלט שוין ביי עטליכע צענדליגע.

ווי מען שמועסט הויבט שוין אונזער גאסט די טעג אן דעם „רעוואו" ביי יעדער בעזונדער אין דער היים און די עלטערען פון די מול'דינע טעכטער גרייטען צו אויפנאהמעס אויפ'ן אמעריקאנער שטייגער...

דער „אמעריקאנער בעגליקער" האט שוין אויף דער קאנטא רעגולירט דעם רעכנונג אין רעסטאראן, ווייל, ווי ער האט זיך געזאלט אויסדריקען, איז ער שוין פערזארגט מיט מיטאגען אויף דריי חדשים...

נישט איינער כ'לעבען וואלט אויף אזא אופן גערן גענומען אויף זיך די ראלע פון אנ'אמעריקאנער קאנדידאט אויף א חתן. מיט וואס די גאנצע געשיכטע וועט זיך ענדיגען, איז שווער פאראויסצוזאגען (די קעלצער ליצני-הדור זאגען אפילו, אז „אמעריקאנער גליקען" זענען זעהר ענהליך צו „אמעריקאנער הלואות" אלביידע ענדיגען זיך מיט הבטחות) אלענפאלס מוזען מיר זיך ווענדען מיט עטליכע ווערטער צום פאטריאטישען געפיהל פון אונזערע — „אויבגעס" און — „זשאנקעס": געדענקט, אז דאס בענוצען זיך מיט אויסלענדישע ארטיקלען, שטעלט אין געפאהר דאס גלייכגעוויכט פון האנדעלס-בילאנס און דעריבער נידער מיט די אימפארטירטע אויסארבייטונגען, זאל לעבען דער „ווירוב קראיאווי"...

א אייגענער.

דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע
פרענקעל צוליב'ן טוידט פון זייער געליבטער און אונפערגעסליכער מוטער

# שפרינצה נ"ע

מרדכי ווייסמאן
עט פאמיליע קאנקוס.

---

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער חבר
נאטאן און פרוי אקעראיזן
# סאלטשטלט
צוליב דעם טוידט פון זייער געליבט פעכטעריל
וואס איז געשטארבען אין עלטער פון דרייטען יאהר פרייטאג דעם 6|25 און דעם זעלבען טאג
צו קבורה געקומען.
יעקב עט פרוי קינצלער
הערמאן עט פרוי מענדעלזאהן.

---

משתתף אני באבלו הגדול של עסקננו החרוץ יו"ר ההסתדרות הציונית והקהלה
מר יחיאל פרנקל ובאבלה הגדול של משפחתו הכבודה
במית עליהם אמם
הצנועה והישרה בנשים
# שפרינצה פרנקל ז"ל
בגאולת ארצנו ותחית שפתנו ינוחמו.
יהודה מילמן.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע פרענקעל
צוליב דעם פערלוסט פון זייער פיל געשעצטער און קיינמאהל נישט
פערגעסענע
מוטער
# שפרינצה נ"ע
ישעיהו גאלדשטיין עט פאמיליע.


Dr. med.
## I. KLEINBERGER
b. lekarz **Klinik Wiedeńskich. Specjalista chorób uszu, nosa, gardła i krtani**
*Radom, Piłsudskiego 3.*


איך בעט ענטשולדיגונג ביים ה'
## שמעון הלל געליבטער
פאר דער בעליידיגונג בעת א סכסוך
מיט דעם לעצטען, אלס אויסדרוק פון
חרטה שענק איך אויף דער געזעלש.
„עזרה" 5 זל. (פינף)
שמואל גרינשפאן.


**Pierwszorzędne strzyżenie Pań**
podług najnowszych żurnali
w specjalnym gabinecie damskim
**Wiktora Grinsztajna**
Radom, Zgodna 1



Najsilniejsze bóle głowy usuwa.






Kino „CORSO" w Radomiu
Od czwartku 1 do niedzieli 4 lipca r. b. włącznie
## Tajemnica przystanku Tramwajowego
w rolach głównych:
**Jadwiga Smosarska i Józef Węgrzyn**



**BIURO TECHNICZNO-HANDLOWE I INSTALACYJNE**
## „WODKAN" *Inż-wie L. Włoczkowski, S. Szczepaniak i S. Chwaliński*
**Rądom, ul. Lubelska 41. Tel. 222 i 272.**
ארדענט איין: וואסער לייטונג, קאנאליזאציע, און עלעקטרישע אינסטאלאציעס
און פערטיגט אויס:
פראיעקטען, מוסטער — פרייז און פלענער.
רעפרעזענטאנץ און פערקויף פון טעכנישע ארטיקלען.


# KOMUNIKAT

Od dnia 1 lipca b. r. MAGISTRAT m. RADOMIA przyjmuje zgłoszenia na połączenia uliczne kanalizacyjne i wodociągowe, które mogą być już od dnia 15 lipca 1926 r. wykonywane.

Roboty około połączeń przeprowadza z ramienia Magistratu firma **WODKAN** — ul. Lubelska L. 41 — po cenach ustalonych i zatwierdzonych przez Magistrat m. Radomia.

Jednocześnie wzywa Magistrat wszystkie firmy ubiegające się o podobne roboty — by zechciały zgłosić się do Biura kanalizacji i Wodociągów - celem uzyskania zezwolenia na wykonywanie tychże robót.

Cennik szczegółowy za materjały i za robociznę, ze względu na wahania złotego i wysokości płac, poddany będzie raz na miesiąc rewizji i ogłaszany.

Tytułem kosztów administracyjnych i zarobku wolno jest firmie **WODKAN** zarachować 15 % od ogólnej sumy kosztów danego połączenia. Tytułem zużycia narzędzi i utrzymania warsztatu zaliczać będzie firma **WODKAN** 12% od kosztów robocizny.

Podstawą dla wystawienia rachunków i ewentualnych reklamacji będzie **„Wykaz Materjałów i Robocizny"** dla danego połączenia, którego egzemplarz doręczony zostanie stronie interesowanej.

Ceny za połączenia wodociągowe i kanalizacyjne przedstawiają się w przybliżeniu — jak następuje:

1. Za 1 mb. połączenia kanalizacyjnego z rur kamionkowych 150 m/m albo rur lanożelaznych zlewowych 6" od środka kanału głównego ulicznego do lica muru realności łącznie z materjałem, wykopem, zasypem, zabrukowaniem zasypu i ułożeniem chodnika w miejscu wykopu, z pompowaniem wody z wykopu, ułożeniem i uszczelnieniem rur — po 22 zł. Ponieważ przeciętna długość połączenia ulicznego mierzy 7 do 10 mb. ogólny koszt połączenia wyniesie od 154 zł do 220 zł
2. Za jedno kompletne nawiercenie głównej rury wodociągowej z wstawieniem obłąka, wentyla ulicznego dla rury:

| | |
|---|---|
| 400 m/m | 116 zł. |
| 350 m/m | 107 „ |
| 300 m/m | 100 „ |
| 250 m/m | 94 „ |
| 200 m/m | 89 „ |
| 150 m/m | 86 „ |
| 100 m/m | 83 „ |
| 75 m/m | 80 „ |

3. **Za 1 mb. rury kutej cynkowanej w połączeniu rurociągu głównego z realnością do lica muru tejże licząc wraz ze zmontowaniem, zasypem, naprawą bruku i chodnika – licząc dla średnicy rury:**

| | |
|---|---|
| 20 m/m | 15 zł. |
| 25 m/m | 16 „ |
| 32 m/m | 17 „ |
| 38 m/m | 18 „ |

**Koszta zatem jednego połączenia wodociągowego kompletnego wahać będą w granicach od 200 – 300 złotych.**

4. **Jedna godzina montera .......... 0,85 zł.**
**„ „ pomocnika montera 0,45 zł.**
**„ „ robotnika ziemnego 0,45 zł.**

**Szczegółowy cennik za materjały jest do przejrzenia w Biurze Kanalizacji i Wodociągów w godz. 12-ej do 1-ej.**

**Ceny powyższe są maksymalne i Orjentacyjne, a faktyczny koszt przyłączenia będzie podawany każdorazowo na podstawie rachunków kosztów własnych materjałów i liczby godzin roboczych.**


וויכטיג פאר דאמען
ראדיא - פליסעוואניע געמוסטערטע
לויט די נייעסטע דעסענעס,
אויך גאלאנען און שאנטילען
ביליגער ווי אין געוועלב ווערען אויסגעא־בייט אין דער
העפט־פאבריק פון
# ל. טשעחאנאוויעצקי
שפאציר־גאס 12



ה. גרינשטייז, פעלטשער טעל. 303 בּרישע פּאקען.